פרשת ויקרא
שנת תשפ"ה

גליון כ"ו


# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של **האדמו"ר מקאסוב זצ"ל**

## לְהִתְעַנֵּג עַל ה' (ד)

### ווען א איד איז בשמחה קען דער יצר הרע נישט האבן קיין שליטה

נאר מיט שמחה קען מען באזיגן דעם יצר הרע | **אויך אין גשמיות'דיגע זאכן איז פשוט גרינגער אנצוגיין מיט א שמחה** | נישט ווערן צעבראכן פון א נסיון | **איין העכערע מדריגה פון שמחה איז 'שיר'** | פון גרויס שמחה צעזינגט זיך א 'שיר' | **א מענטש זאל זיך האלטן אין דער מדריגה פון 'שיר' וואס איז דאס שטארקסטע וואפן קעגן דעם יצר הרע** | אויב ווייסט מען פארוואס מען איז דא אויף דער וועלט איז מען שטענדיג בשמחה | **משה רבינו קומט מודיע זיין די שמחה פון די געציילטע מצוות אין מרה** | וויסן וויפיל דער אויבערשטער פרייט זיך מיט אונז ברענגט א תענוג רוחני | **א גשמיות'דיגע השתוקקות איז בעצם א רוחניות'דיגער מושג וואס איז מלובש** | מיר דארפן אריינלייגן די השתוקקות אין א מצוה | **זיך גרייטן אויף א מצוה איז מעורר דעם תענוג רוחני** | די הכנה צו א מצוה איז דער הויפט ציל ביי א מצוה | **מיר זענען העכער ווי מלאכים ווייל מיר פארמאגן השתוקקות** | דאס משתוקק זיין איז דער הויפט ציל פון דער מצוה

### א

## ביישטיין א נסיון מיט שמחה

### זיך מתגבר זיין, מיט שמחה

ביי חסידים האט מען גערעדט גאר אסאך איבער דער מעלה פון שמחה. אזוי אויך האט מען שטארק גערעדט קעגן עצבות, ווי עס איז באקאנט די מימרא פון הייליגן בית אהרן פון קארלין: "עצבות איז נישט קיין עבירה, אבער די עבירות וואס עצבות קען צוברענגען קען קיין שום עבירה נישט צוברענגען. שמחה איז נישט קיין מצוה, אבער צו די מדריגות וואס מ'קען אנקומען דורך שמחה קען מען נישט אנקומען דורך קיין שום מצוה."

ווען דער יצר הרע שטעלט אונטער א נסיון פאר א מענטש, זענען דא צוויי וועגן וויאזוי ער קען צוגיין דערצו. ער קען יעצט ווערן פארביטערט און צעבראכן, היתכן מען האט אים אריינגעשיקט פון הימל אזא שווערן נסיון, און אזוי פאלט ער אריין אין א שווערער עצבות און צעבראכנקייט, און איינמאל דער מענטש איז בעצבות האט שוין דער יצר הרע סאך א גרינגער פעלד אים איבערצורעדן אז ער זאל טאקע חלילה עובר זיין אויפ'ן רצון ה'.

דער צווייטע וועג איז אז אנשטאט ווערן צעבראכן זאל מען גאר ווערן בשמחה [זע תוספת נופך אות א'].

שטעלט זיך די פראגע: **ולשמחה מה זו עושה, וואס איז דא די גרויסע שמחה ווען מען דארף יעצט באקעמפן דעם שווערן יצר הרע?** דארף מען דען נישט צוגיין דערצו בכובד ראש, אזוי ווי מען גרייט זיך צו אן ערנסטן מצב-מלחמה?

נאר דאס איז א שמחה של מצוה, ווייל מען געדענקט אז דער יצר הרע איז נישט סתם א שונא וואס מען דארף מנצח זיין, נאר דא ליגט אן עבודה וואס דער איד דארף אויפטון. ווייל אויב דער באשעפער וויל, קען ער אפשעכטן דעם יצר הרע אין איין רגע, נאר די סיבה פארוואס ער לאזט נאך דעם יצר הרע ארומגיין און איבעררעדן מענטשן זיך אריינצולאזן אין גשמיות, איז ווי מיר האבן אויסגעשמועסט באריכות, ווייל ער וויל אז מיר זאלן נעמען די גשמיות'דיגע תענוגים און די גלוסטעניש וואס ער ברענגט אריין אין אונז זיך צו לאזן וואוילגיין מיט גשמיות'דיגע זאכן, און עס ניצן צו ווערן נענטער צום אויבערשטן [זע תוספת נופך אות ב'].

די עבודה פון נעמען דעם ביטערן און שווערן יצר, וואס ציט צו גשמיות'דיגע תענוגים, און עס פארוואנדלען אין א השתוקקות צו רוחניות, **קען מען נאר טון מיט א שמחה**. ווייל ווען א מענטש האלט זיך בשמחה, איז פיל גרינגער פאר אים צו אנערקענען אז יעדע שוועריגקייט איז באמת פאר זיין טובה, און אויב דאס נפש איז בשמחה האט מען דעם כוח בייצוקומען אלע שוועריגקייטן. און פונקט אזוי ווי ווען עס האנדלט זיך פון א שוועריגקייט בגשמיות קען מען עס גרינגער אויפנעמען ווען מ'איז בשמחה, אזוי אויך ווען עס האנדלט זיך מיט א שוועריגקייט ברוחניות קען מען אסאך גרינגער זיך אן עצה געבן דורכ'ן זיין בשמחה.

> **וואס איז דא די גרויסע שמחה ווען מען דארף יעצט באקעמפן דעם שווערן יצר הרע? דארף מען דען נישט צוגיין דערצו בכובד ראש, אזוי ווי מען גרייט זיך צו אן ערנסטן מצב-מלחמה?**

## זיך האלטן אין דער מדריגה פון 'שיר' – אונזער געווער קעגן דעם יצר הרע

דער ענין פון זיך האלטן בשמחה אין יעדן מצב, ביי יעדער שוועריגקייט, ברוחניות ובגשמיות, ווערט אנגערופן **שיר**. אזוי ווי חז"ל (ערכין יא.) לערנען אונז: "אין אדם שר שירה אלא מתוך שמחה". א שיר איז א ניגון, און ווען מען זינגט א ניגון ווערט מען אויפגעלעבט. אבער דאס איז נאכנישט גענוג, מען דארף האבן ביי זיך אין הארצן א שטענדיגן 'שיר'. דער איד דארף שטענדיג זיין גרייט צו זינגען און אפגעבן א שבח והודיה פאר'ן באשעפער אויף יעדן נסיון וואס ער שטעלט אים אונטער, ווייל דאס איז א פרישע געלעגנהייט פאר'ן איד ממליך צו זיין דעם אויבערשטן.

דער ענין פון 'שיר' איז נאך א העכערער מצב פון שמחה. עס איז דא אמאל וואס א מענטש איז פשוט פרייליך ביי זיך אין הארצן און ער ווייזט עס נישט ארויס, אבער עס איז דא אמאל וואס א מענטש איז אזוי איבערגענומען פון פרייד אז ער קען עס פשוט נישט האלטן ביי זיך, און פון זיך אליין **גיסט זיך איבער זיין שמחה ביז ער נעמט זיך זינגען פון גרויס פרייד**, ווייל די שמחה נעמט אים אינגאנצן איבער און ער מוז עס אויסדריקן מיט א ניגון (מאור ושמש פרשת בשלח ד"ה ויירא ישראל; ישמח משה פרשת כי תצא ד"ה שם בפסוק הנ"ל).

ווען א איד האלט זיך שטענדיג ביי א מצב פון 'שיר', ער איז כסדר אנגעפילט מיט לויב און פרייד צום באשעפער אויף טריט און שריט, דאן ווען עס קומט אים אונטער א נסיון וועט דער יצר הרע ניטאמאל האבן קיין שאנס אים איבערצורעדן צו א דבר איסור. דער איד ווייסט און געדענקט שטענדיג אז דווקא אין דער גרעסטער חשכות און הסתר פנים באהאלט זיך די געוואלדיגע געטליכקייט פונעם אין סוף ברוך הוא, וואס איז משתוקק אז דער איד זאל טון דעם רצון ה'. ער ווייסט אז **דער נסיון קומט נישט ווייל דער אויבערשטער וויל אים ח"ו "אפטון"**, ער ווייסט אז אלע שוועריגקייטן ברוחניות איז נישט ווייל דער באשעפער וויל נישט זיין עבודה, **נאר פארקערט, דער באשעפער וויל אז ער זאל זיך מחזק זיין** און אויפוועקן פון די טיפענישן פון זיין הארץ די אינערליכע השתוקקות צו טון דעם רצון ה'.

אויב א איד האלט זיך אין אזא מצב, וועט ער האבן די כוחות צו באזיגן דעם יצר הרע, און ער וועט זיך האלטן פעלזן פעסט און זיך נישט לאזן פארפירן אזוי שנעל פון דעם יצר הרע וואס צייגט דעם אויסערליכן גלאנץ פון תענוגי עולם הזה. דער כוח פון א ניגון איז אומגעהויערער גרויס, טאקע צוליב דעם וואס עס וועקט אויף די השתוקקות פון דעם איד צום בורא כל עולמים, און עס צייגט פונדרויסן אז מען איז בלויז מלא שמחה אפילו אין דער גרעסטער הסתר פנים. דאס אליין איז דער בעסטער טאקטיק קעגן דעם יצר הרע (עיין ב'ישמח משה' שמות ד"ה כה אמר ה', ועוד רבות).

**ב**

# וויאזוי אנצוקומען צו אמת'ער שמחה של מצוה

## אייביג געדענקען: וואס איז דער תענוג

מיר האבן שוין ארומגערעדט (אין די ערשטע גליונות פון 'ביטול') איבער דער נושא, פארוואס מען רעדט נישט אזויפיל וועגן שבירת המידות אין די חסידישע ספרים. מיר האבן אויסגעשמועסט איינעם פון די הויפט חידושים פון דער תורת החסידות, אז אויב מען וועט זיך נעמען ארבעטן באזונדער אויף יעדער מידה איז דאס זייער א שווערע און לאנגע ארבעט, און מיט דעם אלעם וועט מען נישט גענצליך מצליח זיין. ווייל **אפילו אויב א מענטש וועט זיך למשל אויסארבעטן אין זיין אפגעהיטן פון ווערן אין כעס, וועט די מידה פארט בלייבן באהאלטן ביי אים אין נפש**. אנדערש איז אבער ווען דער איד ארבעט אויף ביטול, און ער זיך גענצליך מבטל צום רצון הבורא, וועלן שוין ממילא אוועקפאלן אלע שלעכטע נטיות צו מידות רעות, ווייל אז מען איז אלעס מקבל פונעם אויבערשטן אזוי ווי עס איז, איז שוין נישט שייך אריינצופאלן אין כעס אדער קנאה וכדומה.

דאס זעלבע, און נאך שטארקער, גייט אן ווען עס קומט צו גשמיות'דיגע תענוגים וואס דער יצר הרע פרובירט אריינצוברענגען אין דעם מענטש. אויב מען וועט דארפן אנהייבן א פרטית'דיגע מלחמה יעדעס מאל וואס דער יצר הרע דרינגט אריין אין דעם מענטש און ער רעדט אים איין אז 'דארט' איז דאס גליק און אז מיט'ן זיך נאכגעבן די תאווה אדער יענע תאווה וועט דאס אים מאכן פרייליכער, איז דאס זייער א שווערע און לאנגזאמע ארבעט, און ער וועט זיך טרעפן פירן א שווערע מלחמה טאג איין טאג אויס, ביז עס קען זיך ליידער מאכן אז דער יצר הרע זאל אים באזיגן.

ווי אנדערש איז אבער ווען א איד מאכט אפ ביי זיך מיט א פעסטקייט אז "דער אמת'ער תענוג ליגט נאר ביים רבונו של עולם!" און ער זעט צו לעבן א לעבן פון תענוג רוחני וואו און ווען ער קען נאר. דאן, אפילו אין די צייטן וואס די רוחניות'דיגע עבודה קומט ביי אים אן שווער, וועט ער האבן סאך א גרינגער פעלד מיט'ן יצר הרע, ווייל **ער איז שוין פעסט אויסגעבויט ביי זיך אז דעם ריכטיגן תענוג קען מען נאר שפירן פון רוחניות**, און אפילו אין גשמיות קען מען נאר שפירן אן אמת'ן טעם אין לעבן אויב עס איז פארבונדן מיט רוחניות.

ביי אזא איינעם וועט דער יצר הרע פשוט מורא האבן זיך אנצוהייבן מיט אים. אפילו ער וועט נאך אלץ האבן נסיונות און ער וועט נאך אלץ האבן א גוף וואס שלעפט צו גשמיות, איז ער אבער באוואפנט און קאמפסגרייט. ער ווייסט שוין וואס עס איז דער אמת'ער תענוג און וואס עס איז דער פאלשער תענוג, און ווען עס קומט אונטער א נסיון דארף ער פשוט איבערגיין אין א בליץ סעקונדע אין זיין קאפ: איין רגע, איז דאס אן אמת'ער תענוג וואס קומט פונעם מקור התענוגים אדער נישט?

## זיין קאנצענטרירט: פארוואס בין איך דא

אזא סארט מהלך המחשבה קען נאר צוגיין ווען דער איד איז שטענדיג בשמחה, אפילו אין דעם שווערסטן מצב. ווייל אויב מען פילט נישט ביי זיך אן אמת'ע שמחה, און מען האלט עס נישט פאר א זכיה אז מיר זענען דא אויף דער וועלט אויפצוהייבן טייערע דיאמאנטן און בריליאנטן, דעמאלט איז זייער גרינג צו ווערן אראפגעקלאפט, און דאן האט דער יצר הרע א גרינגע וועג אריין אינעם מענטש אים איינצורעדן אז זיין עבודת ה' טויג סיווי נישט און אויב אזוי זאל ער כאטש הנאה האבן פון

דער גשמיות'דיגער וועלט.

אבער אויב א איד איז זיך שטענדיג מחזק און ער האלט זיך פרייליך, פשוט וויסנדיג אז ער איז א איד וואס איז א חלק אלוקי ממעל און אז ער איז דא אויף דער וועלט פאר א וויכטיגער מיסיע, קען ער ביי יעדן נסיון זיך סאך גרינגער אן עצה געבן. ווייל ער פארשטייט אז דער נסיון איז נישט באשאפן געווארן כדי אים אונטערצוברענגען, נאר פונקט פארקערט, **דער נסיון איז דא כדי אים צו געבן א געלעגנהייט אויפצוהייבן דעם פארוואלגערטן דיאמאנט** וואס האט זיך באהאלטן אין א גשמיות'דיגן לבוש, און מאכן דערפון א הערליכן קרוין פאר'ן רבונו של עולם.

מיט דעם וואס א איד פארשטייט אז יעדער נסיון, בגשמיות און ברוחניות, איז בלויז א מיטל צו דערנענטערן דעם מענטש צום אמת'ן תענוג, וואס דאס איז קירבת אלקים, קען ער אנקומען צו דער מדריגה פון 'שיר', וואס וועט אים געבן די כוחות דורכצושווימען די שטורמישע וואסערן פון דעם עולם הזה. ער פארשטייט אז דער נסיון מאכט אים אויפוועקן זיין אינערליכע השתוקקות, וואס דאס דארף ער נאכדעם ניצן זיך מעורר צו זיין צו ווערן נאנט צום אויבערשטן. און דאס אליין פילט אים אן מיט א געוואלדיגער שמחה, אז ער האט שטענדיג א געלעגנהייט זוכה צו זיין צו ווערן נאנט צום אויבערשטן.

## זיך מתבונן זיין אין מצוות כדי צו טרעפן דעם תענוג

דער עיקר שמחה וואס א איד קען האבן, איז פון א שמחה של מצוה. מען זאל אנקוקן תורה און מצוות אלס דער גרעסטער תענוג וואס א איד קען האבן. נאר די עצם זאך אז א איד זאל זען א מצוה אלס דער גרעסטער תענוג איז נישט קיין פשוט'ע עבודה. א מענטש קען טראכטן: פיין, דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע האט טאקע נישט געהאט קיין גרעסערן תענוג ווי צו שאקלען מיט'ן לולב און אתרוג, אבער **ווי קום איך, פשוט'ער מענטש, צו טרעפן אזא שטארקן תענוג אין א מצוה**, עד כדי כך אז איך זאל פילן אז דאס איז דער גרעסטער תענוג וואס איז שייך פאר'ן מענטש?

די ערשטע זאך פעלט זיך אויס אז מען זאל אריינלייגן התבוננות אין א מצוה. אין די חסידישע ספרים זעט מען א גרויסן דגש אז א מענטש זאל נישט צוגיין צו א מצוה בדרך מצות אנשים מלומדה, עס טון אן טראכטן, נאר מען זאל קודם זיך צוגרייטן און ארייןטראכטן דערין. די ערשטע התבוננות וואס א איד דארף האבן ביים צוגיין צו א מצוה איז פשוט ארייןצוטראכטן איבער דער געוואלדיגער זכיה וואס מיר האבן אז מיט דעם וואס מיר טוען א מצוה דא, מיט דעם וואס מיר דאווענען צום אויבערשטן, מיט דעם וואס מיר עסן מצה, טוט מען אויף געוואלדיגע זאכן אין די עולמות עליונים און מען מאכט אן אויסטערלישן נחת רוח פאר'ן טאטן אין הימל. דאס איז א זכיה וואס נאר א איד האט!

ווען א איד טראכט אביסל אריין וואספארא גרויסע ענינים מיר טוען אויף מיט אונזערע מצוות און מעשים טובים, וואלט אונזער עבודת ה' געהאט אן אנדער פנים. ווען מיר זענען זיך אביסל מתבונן איידער'ן טון א מצוה אין די אויסטערלישע שעשועים וואס דער אויבערשטער האט פון דעם וואס אידן זענען מקיים דעם רצון ה' און זענען זיך מקשר צו אים דורכ'ן מקיים זיין די מצוות, ווערט מען באלד אנגעפילט מיט **א געוואלדיגער פרייד אז מיר האבן די זכיה צו טון דעם רצון פון דעם מלך מלכי המלכים** און זיין פון זיינע משרתים אויף דער וועלט (אר"י הקדוש שער רוח הקודש דף ח:; שער הכוונות דרושי ברכת השחר; מאור עינים פרשת בשלח בפסוק והיה משנה; קדושת לוי

# תוספת נופך

**א]** זע די הייליגע ווערטער פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע (צוואת הריב"ש אות מ"ו) אז אפילו נאך וואס א מענטש איז דורכגעפאלן מיט אן עבירה ח"ו זאל ער נישט ארייןפאלן אין אן עצבות נאר ווייטער דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה, און טאקע דורכדעם וועט ער קענען בייקומען דעם יצר הרע, וזלש"ק:

"וְאַל יַרְבֶּה בְּדִקְדּוּקִים יְתֵרִים בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה, שֶׁזֶּהוּ כַּוָּנַת הַיֵּצֶר לַעֲשׂוֹת לְאָדָם מוֹרָא שֶׁמָּא אֵינוֹ יוֹצֵא בַּדָּבָר זֶה, כְּדֵי לְהָבִיא אוֹתוֹ לְעַצְבוּת, **וְעַצְבוּת הוּא מְנִיעָה גְּדוֹלָה לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, וַאֲפִלּוּ נִכְשַׁל ח"ו בַּעֲבֵרָה לֹא יַרְבֶּה בְּעַצְבוּת שֶׁיְּבַטֵּל מֵעֲבוֹדָה, רַק שֶׁיַּעֲצִיב עַל הָעֲבֵרָה וְיַחֲזֹר לִשְׂמֹחַ בְּהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ**, כֵּיוָן שֶׁהוּא מִתְחָרֵט בַּחֲרָטָה גְּמוּרָה וּבְדַעְתּוֹ שֶׁלֹּא יָשִׁיב לְכִסְלָתוֹ בְּשׁוּם פָּנִים, **וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁיּוֹדֵעַ בְּוַדַּאי שֶׁאֵינוֹ יוֹצֵא בַּדָּבָר אֶחָד מֵחֲמַת מְנִיעוֹת הַרְבֵּה, לֹא יִהְיֶה עָצֵב, וְיַחֲשֹׁב שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ בּוֹחֵן לִבּוֹת וּכְלָיוֹת וְיוֹדֵעַ שֶׁרְצוֹנוֹ לַעֲשׂוֹת מִן הַמֻּבְחָר, רַק שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל, וְיַחֲזִיק עַצְמוֹ לִשְׂמֹחַ בַּבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ... וּבָזֶה יִסְתַּלֵּק הַיֵּצֶר הָרַע מִמֶּנּוּ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ...** וְכָל מָה שֶׁכָּתַבְתִּי הֵם כְּלָלִים גְּדוֹלִים וְנֶחְמָדִים מִפָּז רָב, כָּל דָּבָר וְדָבָר הוּא כְּלָל גָּדוֹל".

**ב]** זע דאס הייליגע לשון פון דעם הייליגן 'ערבי נחל' (פרשת שלח דרוש ג'), וזלש"ק:

"וְזֶה עַצְמוֹ הָעֵצָה הַיְּעוּצָה לְאָדָם וְעִקַּר הָעֲבוֹדָה וְעִקַּר תִּקּוּן הָעוֹלָמוֹת, **כִּי בְּהֶרְגֵּשׁ הָאָדָם מִדָּה רָעָה בְּקִרְבּוֹ כְּגוֹן הִתְעוֹרְרוּת תַּאֲוָה ח"ו אוֹ שְׁאָר דָּבָר רַע, הִנֵּה הַסֶּכֶל מְצַעֵר עַל זֶה וְאֵינוֹ מוֹעִיל בְּצַעֲרוֹ, אָמְנָם הַנִּלְבָּב יִשְׂמַח בָּזֶה בְּזָכְרוֹ הַחֶסֶד הַגָּדוֹל שֶׁעָשָׂה לוֹ ה' וְנָתַן בְּקִרְבּוֹ תַּאֲוָה זוֹ כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְעָבְדוֹ, דְּהַיְנוּ לַעֲשׂוֹת דַּוְקָא הַהֵפֶךְ שֶׁזֶּהוּ עִקַּר הָעֲבוֹדָה, מָה שֶׁלֹּא זָכָה שׁוּם מַלְאָךְ אַל דָּבָר זֶה, וּבְזָכְרוֹ הֵיטֵב עַל לִבּוֹ אֲזַי מֵרֹב הַנַּחַת רוּחַ וְהַתַּעֲנוּג מִתְבַּטֵּל מִמֵּילָא תַּאֲוָה רָעָה הַהִיא וְעוֹשֶׂה דַּוְקָא הַהֵפֶךְ בְּחֵשֶׁק גָּדוֹל...** וְהַיְנוּ עִם עֵצָה זוֹ שֶׁאָמַרְנוּ כָּאן, **כִּי מִיַּד בְּהַרְגִּישׁוֹ בְּעַצְמוֹ הַחִסָּרוֹן שֶׁהוּא הַנֶּגַע, וְיָשִׂים אַל לִבּוֹ שֶׁזֶּהוּ חֶסֶד גָּדוֹל טוֹבָה מְרֻבָּה לְאָדָם, נִמְצָא מַרְגִּישׁ מֵחִסָּרוֹן הַזֶּה תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִמֵּילָא נִתְהַפֵּךְ הַנֶּגַע לְעֹנֶג,** וּבְכֹחַ זֶה נִשְׁלַם וְנִתְמַלֵּא הַחִסָּרוֹן שֶׁבָּעוֹלָמוֹת, וְגַם כָּל הַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשֶׂה מִצַּד הַשְּׁלֵמֻיּוֹת שֶׁבּוֹ נֶחֱשָׁבִים עי"ז לְמִצְוֹת, וכמש"ל, **וְאִם יִתְנַהֵג אָדָם וְיַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ כָּךְ בָּזֶה אָז וַדַּאי יִתְעַקֵּר כָּל הָרַע הַהוּא מִקִּרְבּוֹ לְגַמְרֵי מְעַט מְעַט**, וְאָז כְּבָר נִתְקְנוּ הָעוֹלָמוֹת כֻּלָּם מֵחִסָּרוֹן הַהוּא תִּקּוּן וּשְׁלֵמוּת גָּמוּר".

זע אויך דאס הייליגע לשון פון דעם 'מאור עינים' (פרשת בראשית ד"ה במסכת חולין), וזלש"ק:

"דְּנוֹדָע שֶׁעִקַּר וּבְרִיאַת כָּל הָעוֹלָמוֹת וְכָל תּוֹלְדוֹתֵיהֶן הָיָה לְכַוָּנַת סוֹף הַמַּעֲשֶׂה, שֶׁהוּא הָאָדָם שֶׁהֵן יִשְׂרָאֵל הַנִּקְרָא אָדָם, כְּמוֹ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב בְּרֵאשִׁית בָּרָא בִּשְׁבִיל הַתּוֹרָה שֶׁנִּקְרָא רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ, וּבִשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּקְרְאוּ רֵאשִׁית תְּבוּאָתוֹ, שֶׁהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ שֶׁיִּתְפַּשֵּׁט וְיִתְפַּרְסֵם מַלְכוּתוֹ בָּעוֹלָם הַמַּעֲשֶׂה וְהַגַּשְׁמִי, עַל יְדֵי הַמִּין הָאֱנוֹשִׁי הַמֻּבְחָר שֶׁהֵם יִשְׂרָאֵל, כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִתְעַנֵּג מְאוֹד מִמַּה שֶּׁעוֹבְדִין אוֹתוֹ יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם מְלֻבָּשִׁין בַּחֹמֶר גַּשְׁמִי... **מִפְּנֵי הִתְגַּבְּרוּת שֶׁמִּתְגַּבְּרִין יִשְׂרָאֵל עַל חָמְרָן שֶׁמְּעַכְּבָן מִן הָעֲבוֹדָה וְנוֹצְחִין אֶת הַחָמְרִיּוּת וְהָרַע וּמַכְנִיסִין הַשְּׂמֹאל בַּיָּמִין**, כַּנּוֹדָע שֶׁיֵּשׁ בָּאָדָם תְּרֵי חֲלָלֵי דְּלִבָּא מִשְׁכַּן יֵצֶר טוֹב בִּימִינוֹ וּמִשְׁכַּן יֵצֶר הָרַע בִּשְׂמֹאלוֹ, וְעַל יְדֵי טוֹב הַהִתְגַּבְּרוּת נִכְלַל הַשְּׂמֹאל בַּיָּמִין וְנִמְחַק הָרַע וְנַעֲשֶׂה טוֹב, וְאַדְּרַבָּה מְסַיְּעֵהוּ לַעֲבוֹדַת הַשי"ת... **כִּי עִקַּר הַזְּרִיזוּת וְהַחֵשֶׁק בָּעֲבוֹדָה בָּא מִצַּד הַיֵּצֶר הָרַע שֶׁנִּמְתַּק, וְקָטֵגוֹר נַעֲשָׂה סָנֵגוֹר** שֶׁזֶּהוּ מַה שֶּׁכָּתוּב (דברים ו, ה) 'וְאָהַבְתָּ אֶת וְגוֹ' בְּכָל לְבָבְךָ בִּשְׁנֵי יְצָרֶיךָ' כו', וּכְמוֹ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב (שיר השירים ב, ו) 'שְׂמֹאלוֹ תַּחַת לְרֹאשִׁי וִימִינוֹ תְּחַבְּקֵנִי', **שֶׁעִקַּר הַתְּשׁוּקָה וְהַחֵשֶׁק לָעֲבוֹדָה נַעֲשֶׂה מֵהַמְתָּקַת הַיֵּצֶר הָרַע שֶׁאֵין לְךָ תַּעֲנוּג שֶׁיֵּשׁ לַבּוֹרֵא גָּדוֹל מִזֶּה שֶׁדָּבָר הַמּוֹנֵעַ מִתְהַפֵּךְ לְטוֹב, וּמַה גַּם שֶׁהוּא בָּעוֹלָם הַמַּעֲשֶׂה וְגַשְׁמִי הַמְעַכְּבִין גַּם כֵּן וּבַגּוּף חָמְרִי וּמִכָּל מָקוֹם עוֹבֵד ה', עַל כֵּן יֵשׁ תַּעֲנוּג גָּדוֹל לְהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מִזֶּה".**

## דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע האט טאקע נישט געהאט קיין גרעסערן תענוג ווי שאקלען לולב, אבער ווי קום איך, פשוט'ער מענטש, צו טרעפן אזא שטארקן תענוג אין א מצוה?

קדושה שלישית לפורים; באר מים חיים פרשת בהר ד"ה וכי תאמרו).

### וויסן די געוואלדיגע שמחה וואס מיר ברענגען פאר'ן בורא על עולמים

מיר זעען אין פרשת משפטים אז משה רבינו איז געקומען צו די אידן און זיי דערציילט אלע מצוות וואס דער אויבערשטער האט אים באפוילן איבערצוגעבן פאר די אידן, ווי עס שטייט אין פסוק (שמות כד, ג): "וַיָּבֹא מֹשֶׁה וַיְסַפֵּר לָעָם אֵת כָּל דִּבְרֵי ה' וְאֵת כָּל הַמִּשְׁפָּטִים", און רש"י לערנט אונז אז דאס איז געזאגט געווארן נאך איידער מתן תורה, בשעת די אידן זענען געווען אין מדבר סיני. איי, אויב אזוי, וועלכע מצוות האט משה רבינו איבערגעגעבן פאר די אידן נאך פאר מתן תורה? נאר, זאגט רש"י, משה רבינו האט דא דערציילט פאר די אידן אלע מצוות וואס דער אויבערשטער האט שוין באפוילן אין מרה, נאך פאר מתן תורה, ווי כיבוד אב ואם, שבת קודש וכדומה.

פרעגט דער רמב"ן אויף רש"י, אז דאס איז דאך שווער צו פארשטיין, ווייל די מצוות וואס די אידן האבן מקיים געווען אין מרה זענען זיי דאך שוין פון לאנג באפוילן געווארן, איז וואס איז שייך צו זאגן אז 'וַיָּבֹא מֹשֶׁה וַיְסַפֵּר לָעָם' מיינט אז משה רבינו איז געקומען און 'דערציילט' פרישע נייעס, אז דער אויבערשטער האט געהייסן די אידן צו טון נייע מצוות, ווען זיי האבן עס שוין פון לאנג מקבל געווען אין מרה? דערפאר לערנט דער רמב"ן אז דא רעדט מען פון נאך מתן תורה, און משה רבינו האט יעצט צום ערשטן מאל איבערגעגעבן די תורה.

זאגט דער הייליגער קדושת לוי (פרשת משפטים ד"ה ויבא משה), אז רש"י שטימט זייער גוט. משה רבינו איז נישט געקומען דערציילן פאר די אידן אז מען האט דא באפוילן נייע מצוות, מען איז דא נישט געקומען פאר מתן תורה אויפדעקן פרישע משפטים, נאר די מעלדונג איז געווען אינגאנצן עפעס אנדערש. **משה רבינו איז געקומען דערציילן דעם געוואלדיגן כוח וואס א איד האט ביים מקיים זיין די מצוות!** ער איז געקומען דערציילן אז דער אויבערשטער איז זיך משתעשע מיט די פאר געציילטע מצוות וואס זיי האבן באקומען אין מרה, ער איז זיי געקומען אויפדעקן אז אלע עולמות עליונים שיינען און לייכטן פון זייערע מצוות.

ווען די אידן האבן געהערט וואספארא תענוג זייערע מצוות ברענגען ארויף פאר'ן בורא כל עולמים, זענען זיי געווארן אנגעפילט מיט חשק מקבל צו זיין די גאנצע תורה, און דעריבער האבן זיי דעמאלט געזאגט מיט גרויס פרייד: "נעשה ונשמע!" ווייל ווען מען טראכט אריין איבער דער זכיה וואס מ'האט צו קענען שאפן א נחת רוח פאר דעם מלך מלכי המלכים, וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט מיט אלע פלאנעטן און מזלות, און ערווארט נאר אויף דעם קליינעם מענטשעלע אז ער זאל טון זיין רצון – איז דאס אליין א מורא'דיגע שמחה פאר'ן מענטש [זע תוספת נופך אות ג'].

ג

## דער עיקר איז השתוקקות

### וואס מער רוחניות, אלץ ווייניגער גשמיות

מיר האבן שוין אויסגעשמועסט אז יעדעס מאל וואס א מענטש איז זיך מתגבר אויף א תענוג גשמי, ווערט ער נענטער צו א תענוג רוחני. אבער צו דער זעלבער צייט דארף אויך אויסגעשמועסט ווערן דאס פארקערטע, אז מיט דעם וואס א מענטש וועקט אויף אין זיך דעם תענוג רוחני, אלץ מער ווערט ביי אים דערווייטערט און פאר'מיאוס'ט די גשמיות'דיגע תענוגים. ווייל ווי געזאגט, איינס גייט געקנופט אינעם צווייטן, און דער געדאנק פון איבערקערן דעם יצר הרע צום צד הקדושה קען ווערן געטון אויף ביידע וועגן, סיי דורך דערווייטערן גשמיות'דיגע תענוגים און סיי דורך דערנענטערן דעם תענוג רוחני אין יעדן דבר שבקדושה.

באמת איז דאס עפעס וואס שטייט שוין אין הייליגן רמב"ם (איסורי ביאה פכ"ב הכ"א), אז **דער בעסטער וועג צו פארטרייבן די אלע מחשבות וואס ציען דעם מענטש צו שלעכטס איז זיך ארייינצולייגן אין דער תורה הקדושה** און צו פארברייטערן דעם מוח מיט די הייליגע ווערטער פון דער תורה. וואס מער א מענטש שפירט א געשמאק אין לערנען, אלץ מער פאלט אוועק דער טעם פון א צייטווייליגער גשמיות'דיגער הנאה. און אזויוי ביי תורה, איז דאס זעלבע מיט יעדער רוחניות'דיגער זאך, אז וואס מער מען שפירט די חיות דערפון, אלץ מער שפירט מען ווייניגער א טעם אין גשמיות.

דאס קען יעדער איינער זיך איבערצייגן במציאות, אז וואס מער א איד לעבט אריין אין עבודת ה', וואס מער חשק ער האט צו תורה ומצוות, אלץ מער זוכט ער זיך נישט אויס קיין גליקן אין דער גשמיות'דיגער וועלט, וויסנדיג אז אלע הבלי עולם הזה זענען נישט צום פארגלייכן צו איין רגע פון תענוג רוחני. אבער דאס איז נישט עפעס וואס געשעט פון זיך אליין, נאר מען דארף ארבעטן דערויף לאנגע יארן, און דער עיקר – מען דארף טאקע מקיים זיין תורה ומצוות אויפ'ן ריכטיגן אופן, מיט א התלהבות און א שמחה.

### פארוואנדלען א גשמיות'דיגע השתוקקות צו רוחניות

מיר האבן שוין אויסגעשמועסט באריכות אז כאטש וואס דער מושג פון תענוג קומט

## משה רבינו איז געקומען דערציילן די אידן אז דער אויבערשטער איז זיך משתעשע מיט די פאר געציילטע מצוות וואס זיי האבן באקומען אין מרה און אז אלע עולמות עליונים שיינען און לייכטן פון זייערע מצוות.

**די רוחניות'דיגע השתוקקות איז אויך מלובש אין גשמיות. עס דאכט זיך אים אז ער האט א תשוקה און א גלוסטעניש נאך גשמיות'דיגע תענוגים, אבער באמת איז ער משתוקק צו קירבת אלוקים.**

פון די עולמות עליונים, וואס דאס מיינט אז אלע מלאכים און שרפים לעבן מיט א געוואלדיגן תענוג מיט דעם וואס זיי טוען שטענדיג דעם רצון הבורא, איז אבער דא עפעס וואס נאר מיר מענטשן האבן, און דאס איז די השתוקקות, די גלוסטעניש צו זיין נאנט צום אויבערשטן.

טאקע וויבאלד מיר זענען געווארן דערוייטערט פונעם באשעפער, און מיר לעבן אויף אן עולם השפל וואו עס דאכט זיך אז דער עיקר תענוגים איז אין צייטוויילִיגע און אויבערפלעכליכע גשמיות'דיגע זאכן, קענען מיר בענקען און משתוקק זיין זוכה צו זיין צום אמת'ן תענוג פון קירבת אלקים. ווען א איד גייט אויס צו ווערן נאנט צום אויבערשטן, און ער שפירט אין ביינער א לעכצעניש זוכה צו זיין צו א רוחניות'דיג לעבן וואס איז אנגעפילט מיט א שטענדיגן תענוג, איז ער מעורר די אהבה ביים רבונו של עולם, אן אהבה וואס האט נישט אירס גלייכן.

די בענקעניש וואס א איד האט צום אויבערשטן איז אויך מלובש אין א גשמיות'דיגן לבוש. עס דאכט זיך אים אז ער האט א תשוקה און א גלוסטעניש נאך גשמיות'דיגע תענוגים, אבער באמת איז ער משתוקק צו ווערן נאנט צום אויבערשטן. דעריבער, אז מען וויל טאקע נעמען די השתוקקות און עס ארייניליגן אין רוחניות, דארף מען ארבעטן אויף זיך אז ווען עס קומט צו מקיים זיין א מצוה זאל עס צוגיין מיט א געוואלדיגער השתוקקות.

## א הכנה צייגט אויף חשיבות

דער וועג וויאזוי מעורר צו זיין א השתוקקות צו א מצוה, איז זיך צו גרייטן דערצו. ווען א מענטש פלאנירט אויס עפעס א וויכטיגע געשעעניש וואס מיינט פאר אים גאר אסאך, ווי למשל אז ער מאכט חתונה א קינד, גרייט ער זיך דערצו חדשים לאנג. ער וועט אויספלאנירן פינקטליך וויאזוי די גאנצע געשעעניש וועט פארקומען, פון אנהייב ביז'ן סוף, יעדע זאך ווערט אויסגעפלאנט און ער לייגט אריין קאפ און מוח אין יעדן דעטאל, וועלכן זאל צו נעמען, וועלכן שפילער, וועלכן זינגער, וואו עס וועט זיין די שבת שבע ברכות, וויפיל געסט עס קומען צו פארן און אזוי ווייטער.

די סיבה פארוואס מען גרייט זיך אזויפיל צו דער גרויסארטיגער חתונה איז ווייל דאס איז א וויכטיגע געשעעניש, און דערפאר וויל מען זיכער מאכן אז אלעס קלאפט אויפ'ן בעסטן פארנעם. קיינער וועקט זיך נישט אויף דעם טאג פון דער חתונה: "אקעי, לאמיר שנעל זען מסדר צו זיין אלעס איינס-צוויי," ווייל דאן וועט עס זיין א דורכפאל פון א געשעעניש. יא, מען קען ברענגען צוויי עדים, שטעלן א חופה פון פיר שטאנגען, זיך וואשן אויף א בילקעלע, און עס וועט ווירקליך זיין א כשר'ע חופה וקידושין, אבער דאס איז אים נישט גענוג, ער וויל עס זאל זיין א מצב, עס זאל זיין א פייערליכע געשעעניש!

דאס זעלבע קען מען זען ביי איינעם וואס איז שטארק ארייגעטאן אין גשמיות, אז ער וועט זיכער מאכן אז די גשמיות זאל קלאפן אויף טויזנט פראצענט. ווען ער גייט עסן וועט עס נישט סתם זיין אבי געגומען און געכאפט, נאר ער וועט ארײנלייגן קאפ און מוח, אויסוועלן דעם בעסטן סארט פלייש, עס קאכן און באווירצן אויף אן אויסגערעכנטן פארנעם, אזוי אז עס זאל טאקע האבן דעם בעסטן טעם; ווייל דאס איז ביי אים דער עיקר.

## די הכנה איז גרעסער ווי די מצוה

ווען עס קומט צו עבודת ה' דארף מען ניצן **דעם זעלבן טאקטיק**, כדי

# תוספת נופך

**ג]** ס'איז כדאי צו זען דאס הייליגע לשון פונעם קדושת לוי, וזלשה"ק:

"לָכֵן נִרְאֶה, כִּי בֶּאֱמֶת אֵלּוּ נִצְטַוּוּ בְּמָרָה, וְכֵן ז' מִצְוֹת שֶׁנִּצְטַוּוּ כְּבָר, רַק שֶׁמֹּשֶׁה רַבֵּנוּ ע"ה הָיָה מְסַפֵּר לָעָם גֹּדֶל הַפְּעֻלָּה שֶׁפָּעֲלוּ יִשְׂרָאֵל בְּקִיּוּם הַז' מִצְוֹת וּבַמִּצְוֹת שֶׁנִּצְטַוּוּ בְּמָרָה, וְהָאֵיךְ שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ בְּקִיּוּם הַמִּצְוֹת וְשֶׁכָּל הָעוֹלָמוֹת וְהַנְּשָׁמוֹת תְּלוּיִן בָּהֶן, וְסִפֵּר מֹשֶׁה גֹּדֶל מַעֲלוֹת הַמִּצְוֹת שֶׁקִּיְּמוּ יִשְׂרָאֵל, דְּהַיְנוּ ז' מִצְוֹת וּמַה שֶׁנִּצְטַוּוּ בְּמָרָה, וְנִמְצָא 'וַיְסַפֵּר לָעָם' לֹא קָאֵי אַצִּיוּוּי מִצְוֹת, שֶׁהֲרֵי כְּבָר נִצְטַוּוּ, רַק מִלַּת 'וַיְסַפֵּר לָעָם' הוּא שֶׁמְּסַפֵּר לָהֶם גֹּדֶל הַמַּעֲלוֹת וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁפָּעֲלוּ יִשְׂרָאֵל בְּקִיּוּם הַמִּצְוֹת הָהֵם, אָז כֵּיוָן שֶׁשָּׁמְעוּ יִשְׂרָאֵל גֹּדֶל הַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁמִּשְׁתַּעֲשֵׁעַ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּקִיּוּם הַמִּצְוֹת וְהַשֶּׁפַע וְהַשָּׂשׂוֹן וְהַשִּׂמְחָה שֶׁמַּשְׁפִּיעִין יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָמוֹת עַל קִיּוּם מִצְוֹת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, אָז עָנוּ וְאָמְרוּ כָּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה, כְּלוֹמַר שֶׁאֲנַחְנוּ רוֹצִים עוֹד בְּמִצְוֹת כְּדֵי שֶׁיִּשְׁתַּעֲשֵׁעַ כִּבְיָכוֹל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְשֶׁיַּשְׁפִּיעַ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹד שֶׁפַע רַב וּבְרָכָה וְחַיִּים בְּקִיּוּם הַמִּצְוֹת. וְזֶהוּ 'כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה', כְּלוֹמַר שֶׁאֲנַחְנוּ רוֹצִים עוֹד בְּמִצְוֹת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא".

**ד]** זע אין ספר 'שיח שרפי קודש' (בראשית ד"ה ויבא קין מפרי האדמה מנחה להי') בשם הרה"ק רבי אברהם מפאריסוב זי"ע:

"שֶׁמִּדַּת עַצְבוּת גָּרוּעַ מְאוֹד, וּמִדַּת הָעַצְבוּת הוּא שֶׁהַכֹּל יִתְרוֹן וְעֹל וּמַשָּׂא אֶצְלוֹ, וְכָל הַמִּצְוֹת וְתוֹרָה וּתְפִלָּה אֵינוֹ עוֹשֶׂה בְּרָצוֹן וּבִזְרִיזוּת וּבְשִׂמְחָה, רַק הַכֹּל מִתְנַהֵג בִּכְבֵדוּת, וְגַם יְמֵי חַיָּיו יִתְרוֹן אֶצְלוֹ וְהָיָה מְרֻצֶּה לִפְטוֹר אֶת עַצְמוֹ וְשֶׁיִּתְקָרֵב יוֹם הִסְתַּלְּקוּתוֹ ר"ל, וְגַם אֵינוֹ מֵכִין אֶת עַצְמוֹ לְשׁוּם מִצְוָה לַעֲשׂוֹתָהּ כְּתִקּוּנָהּ בְּאֹפֶן הַיּוֹתֵר נָאוֹת הָאֶפְשָׁרִי, רַק מִן הַמִּזְדַּמֵּן לְפָנָיו. לֹא כֵן הַבַּעַל שִׂמְחָה מֵכִין אֶת עַצְמוֹ בַּהֲכָנָה דְּרַבָּה לְמִצְוָה בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה וּמִתְחַכֵּם מְאוֹד לַעֲשׂוֹתָהּ בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה וּמִתְחַכֵּם מְאוֹד לַעֲשׂוֹתָהּ בְּאֹפֶן הַיּוֹתֵר טוֹב וְנָאוֹת שֶׁבְּכֹחוֹ וּמֹחוֹ וּמַעֲמִיק מְאוֹד בָּזֶה. וְלָכֵן קַיִן הָיָה בְּעִצָּבוֹן תָּמִיד, וְלֹא הֵכִין אֶת עַצְמוֹ כְּלָל, הֲגַם שֶׁהָיָה מֻכְרָח לְהַקְרִיב קָרְבָּן לָקַח מִן הַבָּא לִפְטוֹר אֶת עַצְמוֹ מֵחִיּוּבוֹ בַּדָּבָר מַה, אָמְנָם הֶבֶל אָחִיו הָלַךְ תָּמִיד בְּשִׂמְחָה, וְלָכֵן הָיָה לוֹ שִׂמְחָה גְּדוֹלָה מִמַּה שֶּׁבָּא לְיָדוֹ מִצְוָה לְהַקְרִיב קָרְבָּן וְלָכֵן רָאָה לְהָכִין אֶת עַצְמוֹ מִקֹּדֶם בְּכָל הָאֶפְשָׁרִיּוֹת לַעֲשׂוֹתָהּ כָּרָאוּי, לָכֵן לָקַח מִן הַמֻּבְחָר לָזֶה". ע"ע שם המשך דבריו הק'.

זע אויך דארט אין פרשת תולדות (ד"ה עקב אשר שמע אברהם בקולי) בשם דעם הייליגן 'אבני נזר' זי"ע:

"פֶּסַח מִצְרַיִם שֶׁהָיָה מִקְחוֹ בֶּעָשׂוֹר... שֶׁרָצָה הקב"ה שֶׁיִּהְיֶה דְּבֵיקוּת נִסֵּי מִצְרַיִם דְּיוֹם רִאשׁוֹן שֶׁל פֶּסַח עִם יו"ט אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, לָכֵן צִוָּה השי"ת לְהָכִין בַּיּוֹם הָעֲשִׂירִי, וְיִהְיֶה הַהֲכָנָה חֲמִשָּׁה יָמִים דְּהַיְנוּ יוֹם הָעֲשִׂירִי י"א י"ב י"ג י"ד, וּכְפִי הַהֲכָנָה שֶׁיַּעֲשׂוּ, כֵּן יִדְבַּק בָּהֶם אח"כ קְדֻשַּׁת קָרְבָּן פֶּסַח גַּם כֵּן עַל חֲמִשָּׁה יָמִים, כְּמָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין רִאשׁוֹן שֶׁל פֶּסַח לְיוֹם הַשְּׁבִיעִי, וְיִהְיֶה מְדֻבָּק בֵּין קְדֻשַּׁת יוֹם רִאשׁוֹן לִשְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח, כִּי כְּפִי הַהֲכָנָה שֶׁיַּעֲשֶׂה הָאָדָם כֵּן יִדְבַּק וְיֹאחַז בּוֹ הַקְּדֻשָּׁה".

> **ביי חסידישע אידן האט מען דעריבער געלייגט א שטארקן דגש זיך צו קאכן ביי א מצוה, ווייל מיט דעם האט מען גענומען די השתוקקות און איר אריינגעלייגט אין א דבר מצוה.**

מעורר צו זיין דאס הארץ אז מען זאל וויסן אז "עפעס אויסטערליש גייט דא פאר". ווי למשל ווען מען גרייט זיך צו א שבת קודש טוט מען עס מיט גאנצע הכנות, יעדער מאכל האט א ספעציעלע כוונה און מהלך וויאזוי מען גרייט עס צו, און ביי דער סעודה האט עס אן אויסגערעכנטן סדר וויאזוי עס גייט צו. פארשטייט זיך אז דאס אלעס האט טאקע העכערע ענינים, אבער אפילו ביי איינעם וואס איז נישט קיין בעל השגה, און ער פארשטייט נישט פינקטליך די כוונה און דעם טעם פון יעדער זאך, וועט עס אריינברענגען ביים מענטש אין קאפ אז א סעודת שבת איז נישט סתם נאך א מאלצייט נאר עפעס א העכערע דערהויבענע געשעעניש (סדר היום סדר הכנת השבת; באר מים חיים פרשת צו ד"ה צו את אהרן, ועוד רבות).

דאס איז די סיבה פארוואס ביי חסידים האט מען געמאכט אזא שטארקן עסק פון דער 'הכנה למצוה', אזוי ווייט אז **מען זאגט נאך פון צדיקים אז די הכנה צו א מצוה איז נאך גרעסער ווי די מצוה אליין.** מען האט זיך געגרייט צו א דאווענען מיט לאנגע הכנות, ווער רעדט נאך פון א יום טוב, ווען מען איז שוין וואכן פריער פארנומען מיט'ן באקן מצות, קלייבן דעם לולב און אתרוג וכדומה.

אויסער דעם פראקטישן חלק אז מען וויל אז אלעס זאל טאקע זיין בתכלית ההידור, האבן די אלע הכנות סאך א שטארקערן ציל. ווי מיר האבן געשמועסט, איז דער עיקר תפקיד פון א איד צו נעמען די השתוקקות וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אין דעם מענטש צו גלוסטן נאך א תענוג גשמי, און מאכן דערפון א כלי אז מען זאל גלוסטן און משתוקק זיין צו קירבת אלוקים. די הכנה דארף געטון ווערן סיי במעשה, מיט'ן פאקטיש זיך גרייטן צו א מצוה, צו א יום טוב, און סיי במחשבה און בלימוד, עוסק זיין אין די ספרים וואס רעדן וועגן דעם געהויבענעם זמן, זיך מתבונן זיין אין די טעמי המצוה און מצמצם זיין די מחשבות צו טראכטן איבער דער הייליגער מצוה וואס מען גייט אט, אט זוכה זיין מקיים צו זיין.

## מיט אונזער הכנה און השתוקקות ברענגען מיר דעם תענוג רוחני

אז מען גייט באקן מצות פאר פסח, הייבט מען אן צו ערוועקן ביי זיך די מציאות אז די סדר-נאכט איז א גאר ספעציעלע דערהויבענע צייט. עס הייבן זיך אן אויפוועקן די געפילן פון די פארגאנגענע יארן, ווען מען איז געזעסן ביי דער סדר-נאכט אנגעטון מיט'ן ווייסן קיטל און געשפירט א דערהויבנקייט, עס לויפט שוין דורך אין קאפ וויאזוי דער היי-יעריגער סדר וועט אויסזען, און דאס ברענגט אז עס ווערט נתעורר א תשוקה צו די געוואלדיגע מצוות וואס מיר וועלן בקרוב מקיים זיין ביי דער הייליגער סדר-נאכט.

ביי חסידישע אידן האט מען דעריבער געלייגט א שטארקן דגש זיך צו קאכן ביי א מצוה, און ווארטן דערויף און ארויסקוקן דערויף און זיך גרייטן דערצו מיט א התלהבות, ווייל **מיט דעם האט מען גענומען די השתוקקות וואס ליגט אינעם מענטש און איר אריינגעלייגט אין א דבר מצוה.** און דאס איז באמת דער תכלית פונעם מענטש, ווייל ווי מיר האבן שוין אויסגעשמועסט האט דער אויבערשטער געגוג מלאכים און שרפים וואס טוען זיין רצון, אבער מיר, פשוט'ע מענטשן, קענען עפעס וואס זיי קענען נישט: מיר ברענגען די השתוקקות צו דינען דעם אויבערשטן [זע תוספת נופך אות ד'].

די השתוקקות וואס דער איד וועקט אויף אין זיך מקיים צו זיין די מצוות איז נישט קיין זייטיגע זאך, נאר איז דער הויפט ציל פון דער מצוה. נאך מער, די תשוקה וואס דער איד האט ביי זיך מוז ארויסקומען מכוח אל הפועל, און דאס איז עפעס וואס אויב דער מענטש ניצט דאס נישט פאר רוחניות וועט עס חלילה ברענגען אז ער זאל גלוסטן זאכן וואס טויג נישט. ממילא, **וואס מער א איד קאכט זיך אין א מצוה,** ער גרייט זיך דערויף מיט אלע וועגן און ער לערנט די ספרים ארום דער מצוה, **אלץ מער ווערט אריינגעבויט ביי אים די השתוקקות צו קירבת אלקים,** און אלץ מער הייבט אן אויסוועפן ביי אים דער חשק צו גשמיות.

# חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **דער וועג זיך מתגבר צו זיין אויף דעם יצר הרע וואס ציט צו גשמיות'דיגע תענוגים איז מיט שמחה.**
- א איד וואס איז שטענדיג בשמחה קען דער יצר הרע נישט האבן קיין שליטה אויף אים.
- **ביי א נסיון דארף מען נישט זיין בעצבות, נאר זיין פרייליך אויף דער געלעגנהייט זיך צו שטארקן אויף דעם גשמיות'דיגן תענוג, און געדענקען אז דער מקור התענוגים איז נאר ביים באשעפער.**
- דער שטענדיגער מצב פון "שיר", אויפצונעמען יעדן נסיון מיט שמחה, איז דאס בעסטע געווער קעגן דעם יצר הרע
- **דער עיקר שמחה וואס א איד קען האבן איז פון א שמחה של מצוה.**
- אריינלייגן התבוננות און מחשבה אין א מצוה וועקט אויף דעם מענטש צום באדייט פון א תענוג רוחני.
- **די הכנה צו א מצוה וועקט אויף די השתוקקות צו רוחניות'דיגע תענוגים.**
- די השתוקקות מקיים צו זיין די מצוות איז דער הויפט ציל פון דער מצוה, ווייל אז נישט וועט די השתוקקות ווערן אריינגעלייגט אין גשמיות'דיגע תענוגים.

מכון שפה ברורה

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**

פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com

ברכת מזל טוב
**למוה"ר אליעזר דוד חיימאוויטש הי"ו**
פטרון הפצת הגליון ב'בארא פארק
**לרגל אירוסי בתו למזל טוב**
ויה"ר שתזכו לקשר של קיימא ולבנות בית נאמן בישראל,
ורוב נחת מכל יוצ"ח